בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## אחרי קדושים
## ח' אייר תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:39 |
| מוצש"ק | 7:54 |
| ר"ת | 8:32 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:29 | סוז"ת א' | 9:52 |
| סוזק"ש ב' | 9:15 | סוז"ת ב' | 10:22 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קפ"ב
שנה ד'

## טיב הפרשה

# מיטנעמען די הארה פון די געהויבענע טעג אויך אויף די שוואכע טעג

## כמעשה ארץ מצרים

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר די הייליגע עבודה פון יום כיפור וואס איז מכפר אויף כלל ישראל.

אין די זעלבע פרשה לערנט מען אויך איבער די הארבקייט פון די עריות, אז א איד זאל זיך היטן פון טון אומווערדיגע מעשים און בלייבן הייליג און אפגעהיטן.

אויבנאויף איז שווער די סמיכות הדברים, פון וואו קומט איינער צו די אנדערע, די זעלבע קשיא איז אויך דא יום כיפור אליין?

צוויי קריאה'ס איז דא אין דער הייליגער טאג יום כיפור. די ערשטע קריאה איז ביי שחרית. אין יענע קריאה ליינט מען איבער די עבודה פון דעם כהן גדול אין יום כיפור, אבער ביי מנחה ליינט מען דער המשך פון די פרשת אחרי און מען ליינט איבער די אזהרות פון די עריות.

אויך דארט איז שווער די זעלבע קשיא. ווי קומט עס אז אין אזא גרויסער טאג ווען א איד דערהייבט זיך מעלה מעלה, זאל מען ליינען איבער די עריות?

עס קען זיין אז מיט די סמיכות הענינים און אויך ביים אוועקשטעלן אז די קריאה זאל זיין יום כיפור, וויל מען לאזן הערן דעם איד א טיפער דערהער וואס ער זאל מיטנעמען פון דעם טאג.

אין דער טאג יום כיפור הייליגט זיך א איד, ער ווערט העכער און העכער, ביז ווען ער קומט אן צו א הויכע דרגה. דער איד דערגרייכט אזוי הויך אז עס קען אים דוכטן אז ער האט נישט קיין שום שייכות צו די קַטְנוּת, און אז ער איז אזוי הייליג, אז ער וועט שוין קיינמאל נישט אנקומען צו אזא נידריגע דרגה.

אבער דער אמת איז אז די וועלט איז געבויט פון עליות וירידות. עס איז דא צייטן וואס א איד איז מורא'דיג הויך אז העכער פון דעם קען ער שוין נישט גרייכן, אבער אין די זעלבע צייט דארף ער אויך געדענקען אז ווי הויך ער איז יעצט - וועט קומען א טאג וואס ער וועט אראפגיין און ער קען אויך אנקומען צו אזא נידעריגע מדריגה.

ער דארף עס וויסן, ווייל ער דארף נעמען אינאכט אז די אמת'ע תשובה איז נישט ווען ער איז אין א הויכע דרגה. אין אזא צייט האט ער נישט קיין נסיון, ער איז ווייט פון יעדער סארט נסיון, אבער ער דארף געדענקען אויך די ימי השפלות און מאכן א קבלה טובה אז אויך ווען ער וועט זיין אין די צייט ווען ער וועט זיך נישט קענען מתגבר זיין זאל ער בלייבן שטארק ביי די נסיון און זיך נישט אונטערברעכן אונטער איר.

## טיב המערכת

### וָחַי בָּהֶם

היינטיגע צייטן וויל יעדער 'מאכן א לעבן'. וואס זענען מיר גרייט צו טון פאר אט דעם ציל? כמעט אלעס! א מענטש איז גרייט זיך אנצושטרענגען, אויפשטיין פרי, ארבעטן שווער, צוריקקומען פון די ארבעט מיד און אויסגעמוטשעט, און ווידעראמאל אויפשטיין פרי צו זיין שווערע ארבעט, און דער עיקר – אז איין טאג וועט אים געלונגען צו 'מאכן א לעבן', אבער ווי מער די טעג גייען אריבער ווערט אלץ מער און מער קלאר אז 'די לעבן' וואס מיר זוכן אזוי שטארק, גליטשט זיך נאר ארויס פון די צווישן די הענט, און מיר ווערן נאר עלטער און עלטער, און דער חלום פון 'מאכן א לעבן' ווערט נאר ווייטער און ווייטער... און אויב וועט איינער קומען און דערציילן אז ער ווייסט וויאזוי מען 'מאכט א לעבן', וועלן מיר אים באפאלן מיט שאלות: וויאזוי? וואו? ווען? דער עיקר – דערצייל אונז שוין דעם סוד וויאזוי צו 'מאכן א לעבן'.

איז דען דא אזא זאך? און טאמער יא, ווילן מיר אוודאי הערן דערוועגן.

אויפן פסוק 'וּשְׁמַרְתֶּם אֶת חֻקֹּתַי וְאֶת מִשְׁפָּטַי אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם', איז רש"י הקדוש מפרש 'וָחַי בָּהֶם – לָעוֹלָם הַבָּא, שֶׁאִם תֹּאמַר בָּעוֹלָם הַזֶּה, וַהֲלֹא סוֹפוֹ הוּא מֵת'. רש"י הקדוש איז אונז מְגַלֶּה דעם סוד, אז דער 'לעבן' איז נישט אויף דער וועלט, ווייל אויב וועסטו זאגן אז עס איז אויף דער וועלט, וועט ער דאך אבער צום סוף שטארבן! נאר, די אמת'ע לעבן איז אין עולם הבא, און וואס איז דער תנאי צו באקומען אן איינטריט קארטל אריינצוגיין צו דעם לעבן אין עולם הבא? 'וּשְׁמַרְתֶּם אֶת חֻקֹּתַי וְאֶת מִשְׁפָּטַי'. אין אמת'ן ווייסט דאך דאס יעדער אידישער יונגל, טוב, אבער דא האבן מיר א קליינע זאך צו צוגעבן, ווייל דא האבן מיר א סוד וואס אנטפלעקט אונז אז מען האט די מעגליכקייט צו לעבן אויך אויף דער וועלט. וויאזוי קען דאס זיין?

דער אויבערשטער זאגט צו אונז 'וּשְׁמַרְתֶּם אֶת מִצְוֹתַי', דאס מיינט – נישט בלויז צו היטן די מצוה, נאר צו געדענקען יעדן איינציגן רגע אז מען לערנט תורה און מען איז מקיים מצוות, ווייל די מצוות וואס השי"ת האט אונז געגעבן – דאס זענען זיינע מצוות, דאס איז זיין תורה! און צו מקיים זיין אלע מצוות בשמחה, גלייבנדיג אז מיט דעם טו איך דעם ווילן פון מיין באשעפער. איז איינער וואס לעבן מיט אמונה, איז זוכה צו מקיים זיין די מצוות בשמחה און נישט אזוי ווי איינער וואס מען האט אים געצוואונגען דערו, און נאכמער פון דעם איז ער זוכה צו 'מאכן א לעבן', ווייל דאס לעבן אין דער שאטן פון די אמונה, דאס איז די אמת'ע לעבן.

און דאס איז מרומז דא אינעם פסוק 'וּשְׁמַרְתֶּם אֶת חֻקֹּתַי וְאֶת מִשְׁפָּטַי אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם', אז ווען א מענטש טוט די געזעצן און די משפטים בשמחה, וויבאלד דאס איז וואס דער אויבערשטער האט באפוילן, איז גלייך וואס ער איז עס מקיים, 'וָחַי בָּהֶם', 'לעבט ער' מיט דעם!

(עפ"י טיב התורה – אחרי)

טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

עס קען זיין אז אויך אויף די פארקערטע בחינה דארף מען זיך מיטנעמען פון דעם גרויסן טאג כח און מח. דער איד דארף זיך מתבונן זיין שטייענדיג אין אזא צייט איבער די נידריגקייט פון די זאך און ווי הויך ער איז געווען אין אזא מינוט דערגרייכנדיג אזא געהויבענער צייט, אז ער זאל געדענקען און ממאס זיין אין די אומווערדיגקייט ווען עס קומט צוגיין אזא צייט.

דיביידע בחינה'ס זאל מען מיטנעמען מיט זיך, און דאס וועט אונז באגלייטן אויף אייביג און מיט דעם וועט מען זיך קענען דערהאלטן אויך אין די שוואכע צייטן ווען מען וועט שטיין פאר א נסיון.

עס איז באקאנט די ווארט פון דער הייליגער קאברינער זי"ע. ער האט אמאל געטייטשט דער פסוק 'ערב וידעתם כי ה' הוציא אתכם מארץ מצרים, ובוקר וראיתם את כבוד ה''. אז עס מאכט זיך אמאל די בחינה פון 'ערב' אז פאר א איד וואס איז אין די בחינה פון 'ערב' - עס איז אים פינסטער און ער זעט נישט די ליכטיגקייט, זאל ער געדענקען אז מען איז שוין אמאל געווען אין דער מצב און ענדע איז מען ארויס פון מצרים און עס איז געווארן ליכטיג און מען האט געזען דער כבוד ה', און די בחינה דארף מען אויך מיטנעמען דא.

זאל הקב"ה געבן אז מ'זאל זיך קענען דערהאלטן אייביג אין יעדער צייט, אויך אין די שוואכע זמנים.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן דורך לייענערס

# דער כח פון א מעשה

בשם צדיקים זאגט מען נאך אז דערציילן מעשה'ס פון צדיקים ווי אזוי זיי האבן גע'פועל'ט פאר אנדערע אידן א ישועה, איז מסוגל אז מען זאל דורך דער עצם סיפור ממשיך זיין א ישועה פאר אידן.

ביי אסאך צדיקים איז געווען דער שטייגער, אז וועלנדיג ממשיך זיין א ישועה פאר א צווייטן איד האבן זיי דערציילט א מעשה פון א צדיק, און דורך די סיפור הדברים האבן זיי ממשיך געווען א ישועה פאר יענעם איד.

נישט נאר ביי צדיקים האט מען געזען די בחינה, אויך ביי חסידים ואנשי מעשה האט מען געזען אז דורכ'ן דערציילן מעשה'ס פאר אנדערע אידן האבן זיי ממשיך געווען ישועות פאר אנדערע אידן.

פון די צייטן אין יאר ווען מען האט זיך געפירט באופן קבוע צו נוצן די סגולה איז געווען פאר פסח, ווען עס ווארט אפ פאר יעדן איד גרויסע הוצאות. אין אזא חודש האט מען זיך געפירט צו דערציילן "די דריי מעשה'ס" וועלכע געבן ארויס די געדאנק פון ממשיך זיין פרנסה פאר אידן, אז מ'זאל האבן בשפע רב אויף די הוצאות החג.

מעשה שהיה אז איך האב געהאט א נאנטער חבר וואס איז א שווערער בעל פרנסה, ער מוטשעט זיך זייער שטארק מיט פרנסה. פון צייט צו צייט קלינגט ער מיר אן און מיר שמועסן זיך אדורך איבער פארשידענע ענינים.

שטייענדיג אין דער יארצייט טאג פון דער הייליגער צדיק ר' אלימלך זי"ע קלינגט מיר אן דער איד און דערמאנט מיר אז עס איז דא א סגולה צו דערציילן אין דעם טאג די דריי מעשה'ס, אז מען זאל האבן פרנסה בהרחבה אויף פסח.

איך האב געהאט געדענקט אז מ'דערציילט די דריי מעשה'ס שבת החודש. ער האט מיר געגעבן גערעכט און געזאגט אז עס איז דא דערינען צוויי מהלכים, און מען קען מקיים זיין ביידע מנהגים. ער האט דערציילט די מעשה'ס אין טאג פון די יארצייט און אויך ערב שבת החודש האט ער געקלינגען און דערציילט די מעשה'ס.

זעענדיג ווי פארטון ער איז מיט די מעשה'ס, האב איך אים געבעטן ער זאל מיר זאגן ווי אזוי ער האט ענדע אריינגעברענגט די יום טוב.

עטליכע טעג שפעטער קלינגט ער מיר אן און דערציילט מיר דברים כהוייתן.

מעשה שהיה אז ער האט א נאנטער משפחה מיטגליד אין אויסלאנד, און יענער האט אריינגעקלינגען אין שטוב דערציילן אז עס האט זיך אים פארשמעקט צו קומען פסח קיין ירושלים עיה"ק מיטצוהאלטן די יום טוב אין די הייליגע שטאט סמוך ונראה צו דער בית המקדש, ווער ווייסט אולי וועט מען נאך די יאר זוכה זיין צו די גאולה השלימה.

דער איד האט געקלינגען אין שטוב און גערעדט מיט די בני בית, די פרויען האבן פארברענגט צוזאמען, מען האט גערעדט וועגן אלע ענינים וואס עס פעלט זיך אויס.

נאכ'ן אראפלייגן האט די פרוי פון דעם איד געטראכט צו זיך, אז עס וואלט זיך געפאסט אז מ'זאל צוריקקלינגען דעם איד און אים לאדענען אויף סדר נאכט, אזוי ארום וועט מען קענען פארברענגען א געשמאקער סדר נאכט צוזאמען, אויף א דערהויבענער פארנעם.

איך האב אויפגעהויבן דער טעלעפאן צו קלונגען דעם איד, אבער נאך פאר איך האב עספיעט אים צורופן האט ער מיר מקדים געווען און מיר אריינגערופן און זיך איינגעלאדענט צו עסן די סדר נאכט מיט אונז. איך האב אים גלייך געזאגט אז יא, אז עס וועט זיין פאר אונז א גרויסער כבוד, אז ער קען קומען.

דער משפחה מיטגליד האט מיר נישט געלאזט קומען צום ווארט, ער האט אויסגעפירט אז אזוי ווי עס קאסט דאך אסאך געלט די הוצאות פאר יום טוב וויל ער מיר ארייגשיקן געלט אויף יום טוב. דערביי האט ער מיר געבעטן די דעטאלן פון מיין באנק קאונטע און געזאגט אז ער וועט מיר ארייגשיקן געלט אויף יום טוב.

צומארגענס האב איך געטשעקט די באלאנס אין באנק, און וואונדערליך! דער איד האט אריינגעשיקט די פאנטאסטישע סומע פון 10 טויזנט שקל.

דאס איז געווען פאר מיר - מער ווי גענוג - איך זאל קענען אריינברענגען די יום טוב בהרחבה גדולה.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ.ה.)




די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# קְדֹשִׁים תִּהְיוּ!

**דַּבֵּר אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם קְדֹשִׁים תִּהְיוּ וגו׳״** יט, ב

איז **רש״י** מפרש: ״מְלַמֵּד שֶׁנֶּאֶמְרָה פָּרָשָׁה זוֹ בְּהַקְהֵל, מִפְּנֵי שֶׁרוֹב גּוּפֵי תוֹרָה תְּלוּיִין בָּהּ״.

דא זעען מיר אז אט די מצוה, **״קדושים תהיו״**, וואס **רוֹב גּוּפֵי תּוֹרָה תְּלוּיִין בָּהּ**, און מיט דעם הייבט זיך אן די פרשה פון קדושים, איז א הקדמה צו אלע פילע מצוות וואס שטייען ווייטער אין די פרשה, סיי די זאכן וואס זענען ׳בין אדם למקום׳, און סיי די זאכן פון ׳בין אדם לחבירו׳. – וואס זיי זענען אלע א ׳תוצאה׳ פון די כלליות׳דיגע מצוה פון **׳קְדֹשִׁים תִּהְיוּ׳!** אז מען זאל זיך פירן ביושר און בקדושה אין אלע ענינים פונעם לעבן.

און אין **פרשת אחרי** זאגט דער פסוק (יח, ל): **״וּשְׁמַרְתֶּם אֶת מִשְׁמַרְתִּי, לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת מֵחֻקּוֹת הַתּוֹעֵבֹת אֲשֶׁר נַעֲשׂוּ לִפְנֵיכֶם, וְלֹא תִטַּמְּאוּ בָּהֶם, אֲנִי ד׳ אֱלֹקֵיכֶם״**. און **רש״י** איז מפרש: ״וּשְׁמַרְתֶּם אֶת מִשְׁמַרְתִּי – לְהַזְהִיר בֵּית דִּין עַל כָּךְ״. און דער מקור דערפון איז אין **תורת כהנים** אויפן פלאץ.

דארף מען דאך פארשטיין, מיט וואס איז די מצוה אנדערש פון דאס וואס מען דארף זיך היטן פון די תועבות און פון די עריות, וואס דערויף איז דא א ספעציעלן ׳ציווי׳ אז ׳להזהיר בית דין על כך׳, אינדערצייט וואס אויך אלע אנדערע מצוות דארפן בית דין שטיין עַל הַמִּשְׁמָר און אכטונג געגעבן אז די געזעצן פון די הייליגע תורה זאלן אפגעהיטן ווערן. אזוי ווי מיר געפינען אין אלע דורות, ווי בית דין און די חכמי ישראל פלעגן אויפשטיין און גוזר זיין פארשידענע גדרים און סייגים פאר **שְׁמִירַת הַדָּת**. אויב אזוי, פארוואס דארף מען האבן א ספעציעלע מצוה צו מזהיר זיין דעם בית דין אז מען זאל היטן די קדושה פון אידישע קינדער.

נאר, ווי עס זעט אויס איז דער פשט אזוי, אז וויבאלד אין אט די ענינים שטארקט זיך דער יצר הרע מער ווי ביי אנדערע זאכן, און מען דארף מוסיף זיין שמירה ביי דעם, אזוי ווי די הייליגע חז״ל זאגן אין די גמרא (בבא בתרא קסה.): ״רובן בעריות״. און דעריבער האט די תורה הקדושה באפוילן אז מען זאל דאס היטן מיט א **טאפלטע ׳מִשְׁמֶרֶת׳**, און אזוי שטייט אין פסוק: **״וּשְׁמַרְתֶּם אֶת מִשְׁמַרְתִּי, לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת מֵחֻקּוֹת הַתּוֹעֵבֹת כו׳, וְלֹא תִטַּמְּאוּ בָּהֶם״!**

און אזוי ווערט אנגענומען אין דער ערשטער פרק פון מסכת **כתובות** (יג.): ״אֵין אַפּוֹטְרוֹפּוֹס לַעֲרָיוֹת״, דעריבער האט די תורה געדארפט אנווארענען דעם בית דין דווקא ביי די מצוה, כדי די קדושה פון אידן זאל ווערן אפגעהיטן מיט א **שְׁמִירָה מְעֻלָּה**. און אזוי ווערט גע׳פסק׳נט אין **שולחן ערוך** (או״ח סימן תקכ״ט, סעיף ד׳) אז עס ליגט א פליכט אויפן בית דין צו שטעלן שומרים, וועלכע דרייען זיך אין די גערטנער און אין די פרוכט־גערטנער וכדומה, כדי צו היטן די קדושה, זע דארט.

**שטייענדיג אצינד ביים אנהייב פון די זומער טעג הבעל״ט, וואס דאס איז א צייט וואס די נסיונות מערן זיך, דארפן מיר מוסיף זיין מִשְׁמֶרֶת לְמִשְׁמֶרֶת. און מיר זאלן זיך שטארק פרייען מיט אונזער געוואלדיגער זכיה וואס מיר האבן זוכה געווען צו ווערן נתקדש בִּקְדֻשָּׁה שֶׁל מַעְלָה, מער פון אלע אנדערע פעלקער אדער אזעלכע וואס זענען נישט ערליך ח״ו, און צו מקיים זיין די הייליגע מצוה פון ״קְדֹשִׁים תִּהְיוּ״, מיט חשק און מיט ליבשאפט, יעדער איינער לויט זיין דַּרְגָּא!**

***

עס האט מיר דערציילט אן איש נאמן, וואס וואוינט אין די גרויסע שטאט **׳ניו יאָרק׳** אין אמעריקע, און אזוי ווי אסאך אידן אין אמעריקע, האט די השגחה עליונה צוגעפירט אז זיין ארבעט איז אינעם ריזיגן שטאט **מאנהעטן**. און אזוי פארט ער שטענדיג אהין און צוריק, דורך די גרויסע גאסן און מארק־פלעצער וואס געפינען זיך פונעם געגנט וואו ער וואוינט, ביז קיין מאנהעטן, ועד בכלל...

ווען עס קומען די זומער טעג, שטארקן זיך די נסיונות אין די ענינים פון שמירת עינים, איבערהויפט אין די נידעריגע ערטער וואס זענען פול מיט שמוץ, כידוע. – אבער טראצדעם, האט זיך אונזער פריינט צוגעוואוינט, שוין לאנגע יארן, זיך צו היטן זיינע אויגן און זיי האלטן הייליג טראץ די אלע שווערע נסיונות, אזוי אז ער האט נישט קיין שום קשר מיט די טומאה פון די פעלקער וואס געפינען זיך ארום אים, נאר ער לאזט זיך ארויס צו זיינע געשעפט און ער פירט זיי בתמימות און מיט ישרות, און ער היט אפ זיינע אויגן בקדושה, און איז זוכה צו זען גרויס ברכה אין זיינע געשעפטן, כֹּה יִתֵּן ה׳ וְכֹה יוֹסִיף.

ווען איך האב אים געפרעגט, אינמיטן א שמועס, וויאזוי עס איז אים געלונגען אזוי צו איינווארצלען אין זיין נפש אזא געוואלדיגע קדושה, און וויאזוי ער האט זיך אוועקגעשטעלט זיין וועג אין לעבן, זיך איינצוגעוואוינען מיט אזא וואונדערליכע שמירה – האט מיר דער איד דערציילט, אז דאס האט ער זיך שוין געלערנט אין זיינע בחור׳ישע יארן, ווען ער איז געקומען צום הייליגן לאנד, צו לערנען אין איינע פון די הייליגע ישיבות אין ירושלים עיר הקודש ת״ו, ווי דער שטייגער פון אסאך חשוב׳ע בחורים וואס וואוינען אין חוץ לארץ, און זיי קומען קונה זיין די הייליגע תורה אין ארץ הקודש.

אין א טאג פון חול המועד סוכות, אין די אוונט שעות, איז ער געגאנגען מקבל זיין פני רבו אין ירושלים עיר הקודש, אינעם הויז פון מרן **הדיין הגה״צ רבי ישראל יעקב פישער זצוק״ל, רב פונעם זכרון משה געגנט**, און **ראב״ד** פון די **עדה החרדית**.

הרב הצדיק האט אים אויפגענומען בשמחה, און האט אים מקרב געווען מיטן גאנצן הארץ, אזוי ווי זיין באוואוסטע הנהגה מיט געוואלדיגע ענוה. ער האט לאנג גערעדט מיט אים איבער די ענינים פונעם יום טוב, און ער האט זיך אינטערעסירט איבערן סדר פון זיין לערנען און אויך האט ער אים געפרעגט וויאזוי עס גייט אים דא אין ארץ הקודש, א.א.וו.

ווען דער בחור האט געזען ווי שטארק דער רב פירט זיך מיט אים מיט א גוטן אויג, האט ער געטראכט אז יעצט האט אים דער אויבערשטער צוגעשטעלט א געלעגנהייט, אז ער וועט זיך יעצט קענען שואל־עצה זיין, איבער א געוויסע פראגע וואס האט אים שוין געדרוקט במשך א לאנגע צייט.

האט דער בחור אראפגעבויגן זיין קאפ, און מיט איידלקייט געפרעגט צי ער קען אראפלייגן פארן רב א געוויסע פראגע וואס ער האט, וואס איז אים וויכטיג צו וויסן אנבאלאנגט זיין ווייטערדיגע וועג אין לעבן און לגבי דאס לערנען אין ישיבה. – דער רב האט זיך פארטראכט פאר א רגע, און נאכדעם האט ער געזאגט: אין אמת׳ן האט מען מיר היינט געלאדנט צו א שמחת בית השואבה, וואס ווערט געפראוועט ברוב עם אין א געוויסער בית המדרש דא אין ירושלים עיר הקודש, און צוליב מיין פּאָסטן דארף איך זיך דארט באטייליגן ביי די שמחה. אפשר קענסטו מיר באגלייטן אויפן וועג אהין? און אויפן וועג וועלן מיר קענען שמועסן איבער דיינע צווייפלענישן, און אין דער זעלבער געלעגנהייט וועסטו אויך הנאה האבן און מיטהאלטן די שמחת בית השואבה פון די אידן פון ירושלים של מעלה, וואס זענען באוואוסט מיט די שיינקייט פון זייערע טענץ אין די יעצטיגע צייט!

דער בחור האט זיך שטארק געפריידט מיטן זעלטענעם געלעגנהייט, און אזוי האבן זיי זיך ביידע ארויסגעלאזט צוזאמען, דער אמעריקאנער ישיבה בחור, באגלייטנדיג דעם גרויסן ראב״ד, צו די הייליגע ירושלים׳ער גאסן, גייענדיג צוזאמען זיך צו באטייליגן ביי די שמחת בית השואבה, און אויפן וועג האט אים דער רב רואיג געענטפערט אויף אלע זיינע ספיקות, ביז אלעס איז געווארן קלאר און גוט.

אבער דער איד האט מעיד געווען פאר מיר, אז דער עיקר וואס האט אים געצויגן זיין הארץ און וואס האט ארויסגעברענגט זיין התפעלות דורכאויס דעם גאנצן לאנגן וועג וואס זיי זענען געגאנגען צוזאמען, איז געווען די מדת הקדושה און צניעות וואס דער צדיק האט זיך אנגעהאלטן דערמיט גייענדיג אין וועג, וויבאלד ער האט גוט אויסגערעכנט דעם וועג, גייענדיג דורך זייטיגע און שטילע געסלעך, נאכקוקנדיג צו עס איז דא א **דַּרְכָּא אַחֲרִינָא** כדי צו קענען גיין אויפן אפגעהיטנסטע וועג. און נאכמער, אז דורכאויס דע גאנצן וועג, האט דער רב אראפגעלאזט זיינע אויגן צו דער ערד און זיין הארץ איז געווען ארויפצי (עֵינָיו לְמַטָּה לָאָרֶץ וְלִבּוֹ לְמַעְלָה, אזוי ווי עס שטייט אין אִגֶּרֶת הָרַמְבַּ״ן), און אזוי איז ער געגאנגען בְּהֶצְנֵעַ לֶכֶת עִם ה׳ אֱלֹקָיו!

אט די איבערלעבעניש גייענדיג דעמאלטס אויפן וועג, האט דער איד אויסגעפירט, האט אריינגעדרינגען אין די טיפענישן פון מיין הארץ און זעל, אוועקצושטעלן פעסטע יסודות פון **שמירת עינים!** וויבאלד איך האב געמאכט ביי מיר א קל וחומר, אז אויב דער גרויסער רב, וואס איז אינגאנצן אריינגעטון אין תורה און אין עבודת השי״ת, און ער האט נישט עפעס אנדערש אויף דער וועלט אויסער די **ד׳ אמות של הלכה**, און די אויגן פון כלל ישראל איז אויפגעהויבן צו אים אז ער זאל זיי אנווייזן דעם דבר ד׳, צי עס איז אין הלכה אדער פאר אן עצה און א רפואה, כידוע, און פונדעסטוועגן היט ער זיינע הייליגע אויגן מיט אזא שטארקע שמירה, אפילו יעצט ווען ער גייט דורך די ריינע געסלעך פון די הייליגע געגנטער פון זכרון משה און מאה שערים. – איז וואס זאל איך שוין זאגן, אני הקטן, א פשוט׳ער ישיבה בחור, וואס שטייט אין די יונגע יארן ווען די בלוט קאכט, און איך גיי אין די רוישנדע און שמוציגע גאסן פון ניו יארק אין מאנהעטן, וויפיל דארף איך זיך פילפאכיג שטארקן, און זיך מאכן שטארקע גדרים אין שמירת עינים?!

און פון יענעם הייליגן שפאציר, איז עס באשטימט געווארן אין מיין זעל פאר לאנגע יארן, צו היטן מיינע אויגן בקדושה אין יעדער צייט און אין יעדן ארט. – פון דא האב איך געשעפט די יסודות פאר שמירה אויך שפעטער אין מיינע געשעפטן... אינעם וועלטליכן צענטער פון ביזנעס, אין מאנהעטן!

***

אין די עלטערע יארן פון אונזער מחותן, מורינו **הגה״צ רבי זונדל קרויזער זצוק״ל**, איז ער אריבערגעגאנגען וואוינען אינעם הויז פון זיין זון, יבלחט״א אונזער מחותן **הגאון רבי יוסף שליט״א**, וועלכער וואוינט אין איינס פון די הייליגע געגנטער אין ירושלים עיר הקודש. – נאכדעם וואס דורכאויס זיין גאנצן לעבן האט ער געוואוינט אינעם ווייטן **׳כנסת׳** געגנט, וואס איז הינטער דער **יפו** גאס און דער **׳מחנה יהודה׳** מארק [׳שטעטלאך׳]. דארט, אין א קליין און ארעם הויז האט דער בעל **׳אור החמה׳** באלויכטן כלל ישראל מיט זיין צידקות און זיין געבענטשטע תורה, און מיט צדקה וחסד וואס ער האט געמערט אין כלל ישראל, כידוע. און וויבאלד אין א טאג האט א גרופע גנבים אריינגעבראכן אין זיין אלטן וואוינונג, און האבן אויסגעליידיגט זיין אינהאלט און גע׳גנב׳עט טייערע פארמעגן, איז ער געווען געצוואונגען צו פארלאזן זיין הויז, בֵּיתוֹ נְוֵה קֹדֶשׁ, און ער איז אריבערגעגאנגען וואוינען אינעם

הויז פון זיין זון, ווי פריער דערמאנט, און דארט האט ער באשטימט זיין וואוינונג ביז סוף ימיו.

אין יענע יארן, וואס דער צדיק האט געוואוינט אינעם הויז פון זיין זון, האט די פארברייטערטע משפחה שטארק הנאה געהאט זיך צו דערווארימען צום ליכטיגקייט פון זייער גרויסן זיידן, וואס שטענדיג איז זיין הייליגן געזיכט געווען באלויכטן מיט א שמייכל, און ער האט געמאכט שיינען אויף זיי פונעם אור החמ"ה.

אין א שמועס וואס ער האט געהאט אין יענע געהויבענע טעג, האט זיך איינער פון זיינע אייניקלעך דערוואגט, און זיך פילנדיג נאנט צום זיידן, האט ער געבעטן אז ער וויל עפעס פרעגן, א זאך וואס מוטשעט אים שוין פאר לאנגע יארן. און ער האט געפרעגט: תּוֹרָה הִיא, וְלִלְמֹד אֲנִי צָרִיךְ! איך בין נישט מסוגל צו פארשטיין, וויאזוי קען זיין אז פאר לאנגע יארן האט דער זיידע געוואוינט אין די 'שטעטלאך', און ער איז געגאנגען צופיס צום שטאט, טאג־טעגליך, דורך דער 'יפו' גאס [וואס איז פול מיט נישט־גוטע זעאונגען, כידוע, און איבערהויפט ארום דעם רוישנדן מאַרק־פלאץ]?

ווען דער הייליגער זיידע האט געהערט די פראגע פון זיין אייניקל, האט ער נישט פארשטאנען די שאלה! און ער האט זיך אנגערופן מיט וואונדער: **"און וואס איז די פראבלעם אין רחוב יפו"?**

**דעם שטארקן וואונדער פונעם גרויסן זיידן, האט געדינט ווי א קלארע ענטפער פארן אייניקל... – זעענדיג די געוואלדיגע קדושה פון זיין זיידן, אויף אזוי ווייט אז ער האט בכלל נישט פארשטאנען די פראגע. וויל כאטש ער איז דארט אריבערגעגאנגען יעדן טאג, האט ער קיינמאל נישט געזען קיין שום רְאִיָּה אֲסוּרָה חלילה, וויבאלד ער איז געגאנגען מיט א געוואלדיגע שמירה, היטנדיג זיינע אויגן אז זיי זאלן בלייבן הייליג און לויטער!**

***

דער הייליגער **חזון איש זצוק"ל**, איז אמאל געגאנגען שפאצירן, ווי זיין שטייגער איז געווען יעדן טאג, אין די גאסן פון **'בני ברק'** ת"ו. דאס איז געווען אין א שפעטע שעה פון **ליל שבת קודש**, און ער איז געווארן באגלייט דורך זיין פלומעניק [נעפיו], דער זון פון זיין שוועסטער, מרן **הגה"צ רבי חיים קאַניעווסקי שליט"א**, וועלכער איז דעמאלטס געווען אין זיינע בחור'ישע יארן. אזוי גייענדיג אויפן וועג, זענען זיי דורכגעגאנגען דעם געסל, וואס ווערט היינט־צו־טאג גערופן **'רחוב חזון איש'** [אויף זיין אייגענעם נאמען, אלץ דער **מְקוֹם עֲלִיָּה שֶׁל תּוֹרָה** אין בני ברק, וואו ער האט אויך געוואוינט, און נאך זיין הסתלקות האט מען דארט אויפגעשטעלט א תלמוד תורה תשב"ר על טהרת הקודש לעילוי נשמתו].

און אט האט זיך דער חזון איש אפגעשטעלט אינמיטן שפאצירן, און האט זיך פארזוימט אביסל פאר עונג שבת, אינעם ריינעם געשמאקן אטמאספער, אריינציעענדיג פונעם געשמאקן ווינטל וואס דער אויבערשטער מאכט בלאזן אויף זיין וועלט, כדי צו האלטן דאס געזונט פון די לונגען פון זיין קנעכט די צדיקים. – און אזוי שטייענדיג דארט ביים עק גאַס [וואו עס איז דעמאלטס געווען א גרויסן פרדס, וואס איז אנגערופן געווארן 'פרדס בערמאן'], האט ער זיך פארטראכט אין זיינע הייליגע געדאנקען, און פלוצלונג האט ער זיך אנגערופן צו זיין באגלייטער, דער גאון רבי חיים, און ער האט געזאגט: **ס'איז שמעקט דא תורה!**

דערנאך איז קלאר געווארן, אז א שטיק צייט פריער, איידער דער חזון איש איז דארט אנגעקומען ביי זיין שפאציר, זענען ממש אויפן זעלבן פלאץ געשטאנען צוויי בחורים, געוואלדיגע שקדנים פון א חשוב'ע ישיבה, און האבן גערעדט צווישן זיך אין לערנען, ווי דער שטייגער פון הייליגע ישיבה בחורים. און ווי מיר זעען, איז געבליבן דארט א רושם פון די הייליגע **הֶבֶל פִּיהֶם** פון זייער לערנען, און ווען דער צדיק איז דארט שפעטער אריבערגעגאנגען, האט ער ברוח קדשו געשפירט דער ריח התורה הקדושה וואס האט נאך אלץ געשוועבט דארט!

און דער **חָכָם מִכָּל הָאָדָם** לערנט אונז דאך אין ספר **קהלת** (ז, יד) אז "זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים", און יעדע מדה און מדריגה וואס מיר טרעפן ביי קדושה, איז דא אנטקעגן דעם אויך דאס פארקערטע אינעם צד הטומאה, כידוע. אויב אזוי קענען מיר זיך לערנען פון אט די פארכטיגע מעשה, אז דאס פארקערטע איז אויך פארקערט, אז אויב א איד גייט אין גאס און פאלט דורך חלילה מיט אן עבירה רח"ל אדער מיט א הסתכלות של איסור, ברענגט ער דורכדעם א שלעכטן ריח פון טומאה, רוּחָא דִּמְסָאֲבָא חָלִילָה, וואס איז מְגַשֵּׁם דער וועלט מיט תאוות און זינד! און וויפיל מער מען איז מרבה דערמיט, איז מען מער מגשם און מטמא דער וועלט, און מען בויט א היכל און א וואוינונג פאר די קליפות און די חיצונים אז זיי זאלן שולט זיין אויף דער וועלט, ה' ישמרנו. – טראצדעם וואס מיר האבן נישט די זכיה דאס צו מרגיש זיין און שפירן, אזוי ווי די צדיקים וואס זענען זוכה דערצו.

**און אזוי אויך פארקערט, איז דאך מִדָּה טוֹבָה פינף הונדערט מאל מער, אז ווער עס איז הַיָּרֵא אֶת דְּבַר ד' און ער האט מורא און ער דערווייטערט זיך מִן הַכִּעוּר וְהַדּוֹמֶה לוֹ, איז דורך יעדן מאל וואס מען געבט זיך אכטונג, און מיט יעדע תורה, תפילה און מצוה וואס מען טוט אויף דער וועלט, איז מען מטהר און מזכך דער וועלט, און מען איז מוסיף מער קדושה און ברכה פאר זיך זעלבסט און פאר דער גאנצער וועלט, אמן.**







יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173